# יידן אין פ. ס. ס. ר.

## א ט ל א ס

### פון קאַרטאָגראַמען און דיאַגראַמען

צענטרפאַרלאַג
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק
1 9 3 0

54

# ייִדן אין פ.ס.ר.

## אטלאַס פון קאַרטאָגראַמען און דיִאַגראַמען

צונויפגעשטעלט דורך א גרופּע סטודענטן
פון ייִדסעקטאָר פון מײַרעוו-אוניווערזיטעט

אונטער דער רעדאקציִע

פון א. בראכמאן און י. זשיוו

מיט א פאָרעדע

פון מ. פרומקין (עסטער)

צענטראלער פעלקער-פארלאג פון פ.ס.ס.ר.
1930 מאָסקווע—כארקאָוו—מינסק 1930

Главлит А 58500 Заказ 2113 Тираж 4000 экз.

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва, Шлюзовая набережная, 10.

51

# פאָרוואָרט

די נאציאָנאלע ווינקלען בא די סעקטאָרן פונעם קאָמוניסטישן מײַרעוו-אוניווערזיטעט אף י. י. מארכלעווסקיס נאָמען האָבן די אופגאבע אלזײַטיק צו באדינען יענע לימודים און יענע פראקטישע ארבעט, וועלכע זײַנען דירעקט פארבונדן מיט דער נאציאָנאלער סוויווע: געשיכטע פונעם באטרעפנדיקן לאנד (פאָלק), געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער און ארבעטער-באוועגונגען, עקאָנאָמיק פונעם לאנד (עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער באטרעפנדער מינדערהײַט), ליטעראטור, אקטועלע פראָבלעמען פון דער נאציאָנאלער ארבעט א. ז. וו.

ארום דערדאָזיקער אופגאבע אנטוויקלען די 14 ווינקלען פונעם אוניווערזיטעט זייער א פילזײַטיקע ארבעט, וואָס פון יאָר צו יאָר וואקסט זי אין דער ברייט און אין דער טיף און וואָס ס'איז איר שוין ענג אין די ראמען פון „ווינקלען". עס ארבעטן צענדליקער פרײַוויליקע קרײַזלעך, וועלכע באשעפטיקן זיך מיט גאנצע ציקלען אָדער מיט איינצלנע פראגן, עס ווערן געזאמלט און באארבעט מאטעריאלן, עס ווערן געמאכט אָנפאנגען פון עמעסער וויסנשאפטלעכער ארבעט.

בא איייניקע נאציִעס פעלט נאָך אינגאנצן אָדער קימאט אינגאנצן די געהעריקע מארקסיסטיש-לענינשע ליטעראטור, זײַנען אָדער אינגאנצן ניט געזאמלט, אָדער ניט באארבעט די נויטיקע מאטעריאלן, שטעלנדיק אין אזעלכע סעקטאָרן די אנטשפרעכנדיקע „נאציאָנאלע" לימודים, קומט אויס אָנצוהויבן בוכשטעבלעך פון אָנהויב — זאמלען רוימאטעריאל, באארבעטן דאָס, קריטיש באהאנדלען די פאראנענע, אויסשליסלעך אָדער קימאט אויסשליסלעך בורזשואזע קוואלן. דערבײַ קומט אויס צומאָל-דורכבערען דעם וועג אפילע אפן געביט פון דער מעטאָדאָלאָגיע גופע פון דער אויספאָרשונג.

אונדזערע באשיידענע סעקטאָרן, וואָס אייגנטלעך זײַנען זיי דאָך בלויז פּאָליטישע לערנאנשטאלטן און ניט וויסנשאפטלעכע אינסטיטוטן, באקומען אף אזא אויפן פאר זייערע נאציִעס א באזונדערן ווערט, ווי לאבאראטאָריִעס, ווו עס באשאפן זיך די ערשטע אָנפאנגען פון וויסנשאפטלעך-פאָרשערישער ארבעט אפן נאציִאָנאלן געביט, ווו ס'קאָנצענטרירן זיך די ערשטע, די דערווײַל איינציקע באמיִונגען פון מארקסיסטיש שטודירן די פארגאנגענהײַט אין קעגנווארט פון דער אייגענער נאציִאָנאלער סוויווע. דערמיט באקומען דידאָזיקע סעקטאָרן א באזונדערס גרויסן קולטורעלן ווערט.

דער יִידישער סעקטאָר איז ניט אזא מעלוכע, ווי איייניקע אנדערע ברידער זײַנע. די יִידישע ארבעטנדיקע אין פ.ס.ס. ר. פארמאָגן באזונדערע וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציִעס און אָרגאנען, וועלכע האָבן פאר זיך דירעקטע וויסנשאפטלעך-פאָרשערישע אופגאבן. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן וועגן דעם וואָס עס פעלט נאָך דער יִידישער וויסנשאפטלעכער אר-

בעט אין פ.ס.ס.ר. עס פעלט איר נאָך זייער און זייער פיל. אלנפאלס זײַנען אָנפאנגען פון אזא ארבעט פאראן.

אָבער אויך דער ייִדישער סעקטאָר שטויסט זיך אָן אף שוועריקײַטן באם אוועקשטעלן די „נאציאָנאלע“ לימודים". ס'פעלן וויכטיקע מאטעריאַלן, די פאראנענע זײַנען צעזייט און צעשפרייט אָדער ליגן אין ארכיוון ניט פאנאַנדערגעקליבענע. ס'פעלן לערנביכער און לערנמיטלען, ס'קומט אויס צו באַנוצן זיך ניט מיט אונדזערע קוואלן.

אף אזא אויפן קומט אויס אויך דעם ייִדישן סעקטאָר ניט פּאַשעט לערנען פונעם גרייטן לערנמאטעריאַל, נאָר באשאפן דאָס פאר זיך, זוכן, זאמלען, באאָבאכטן.

דער איצטיקער אטלאס איז די ערשטע ארבעט פונעם סטאטיסטיש-עקאָנאָמישן קרײַז, דורכגעפירט דורך סטודענטן פון ייִנגערע קורסן אונטער דער אָנפירונג פונעם לערער פון עקאָנאָמישער געאָגראפיִע, דעם כ. זשיוו. באטראכטן דארף מען דעמדאָזיקן אטלאס, ווי דעם ערשטן באשיידענעם פרווו, א מין ארײַנפיר צו א גרעסערער ארבעט. דער שווערפונקט איז דאָ ניט אזוי אין די מאטעריאַלן, ווי אין זייער *גראפישער* פאָרשטעלונג. די וויכטיקסטע מאטעריאַלן, וועלכע באלײַכטן די סאָציאַלע סטרוקטור פון די ייִדישע מאסן, זײַנען מייסטנס גענומען גרייטע, בלויז א טייל זײַנען געזאמלט געוואָרן אפסנײַ, פון די ערשטע קוואלן, און ווערן דאָס ערשטע מאָל פארעפנטלעכט. די ווײַטערדיקע ארבעט, וואָס ווערט איצט צוגעגרייט פונעם קרײַז — אנטהאלט שוין אין זיך אסאך א גרעסערן עלעמענט פון זעלבשטענדיקער פאָרשונג און זאָגט צו צו געבן נײַע אָריגינעלע מאטעריאַלן.

אָבער אויך ווי א באשיידענע לערנארבעט האָט דער אטלאס זײַן ווערט. צוגרייטנדיק אים, האָבן די סטודענטן דורכגעמאכט אן ארבעט, וועלכע געהערט צום טיפּ פון לערנאויספאָרשערישער, שעפערישער ארבעט. זיי האָבן זיך פארבונדן מיט א גאנצער רײַ אינסטיטוציִעס, אין אייניקע — געזאמלט פרישע, נאָך ניט באארבעטע מאטעריאַלן, אין אנדערע — געזאמלט, אָפּגעקליבן, דורכגעארבעט שוין פאראנענע, באארבעטע, אָבער ניט אלעמאָל צונויפגעפאסטע אין פארגלײַכבארע ציפערן; זיי האָבן געדארפט דורכטראכטן די מעטאָדן פון גרופּירן, פארגלײַכן, קאָמבינירן, פעסטשטעלן די דינאמיק, זיי האָבן געדארפט לערנען זיך, ווי אזוי מע שטעלט פאָר די מאטעריאַלן גראפיש, ווי אזוי מע צייכנט אָן אָנשוילעך די ענדערונגען, דאָס אָנוואקסן פונעם נײַען אין דער ייִדישער סוויווע.

דורכפירנדיק אינעם פּראָצעס פון זייער לערנען די דאָזיקע ארבעט, האָבן די סטודענטן פונעם ייִדסעקטאָר באשאפן א נוצלעך לערנמיטל, וואָס וועט קענען אויסגעניצט ווערן סײַ דורך די קומענדיקע קורסן, סײַ דורך אנדערע שולן און אויך אין דער זעלבסטבילדונג. אָט פארוואָס מע האָט געפונען פאר צוועקמעסיק די דאָזיקע ארבעט צו פארעפנטלעכן.

עסטער.

# אריינפיר

דערדאָזיקער אטלאס שטעלט מיט זיך פאָר אן ארבעט פון סטאטיסטיש-עקאָנאָמישן קרייז, וואָס עקזיסטירט באם נאצווינקל פון יידסעקטאָר פון מײַרעוו-אוניווערזיטעט און איז ארויסגעקומען אלס א רעזולטאט פון צוגרייטן פאר דעמדאָזיקן נאצווינקל אָנשוילעכע הילפס-מיטלען איבער פארשיידענע פראגן פון יידארבעט.

ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס די לעצטע פאָר יאָר איז דערשינען א גאנצע ריי מאטעריאלן וועגן יידישער באפעלקערונג סײַ אין אונדזערע צײַטונגען און זשורנאלן, ווי אויך אין באזונדערע אויסגאבן, — האלטן מיר דאָך פאר נוצלעך צו פארעפנטלעכן דידאָזיקע ארבעט און צו רעקאָמענדירן זי אלס א הילפס-בוך בײַם דערלערנען די נאצפראגן אין פארטיי-שולן, פעדטעכניקומס, פאָליטשולן און פאָליטקרייזן. ערשטנס, זײַנען אין אטלאס צונויפגעקליבן פראגן ניט נאָר דעמאָגראפישע, ניט נאָר פראגן פון סאָציאלער סטאטיסטיק, נאָר אויך פראגן וועגן יידישער קולטור-בויונג, ערד-אײַנאָרדענונג, ראַטן-בויונג, דעם אָנטייל פון יידן אין פארטיי און קאָמיוג. דאָס גיט א מעגלעכקייט דעם לייענער אויסצונוצן דירעקט איין בוך איבער פארשיידענע פראגן און ניט גריבלען זיך אין א גאנצער ריי פעריאָדישע און ניט פעריאָדישע אויסגאבעס. צווייטנס — איז דער פאָרגעלייגטער מאטעריאל אן אָנשוילעכער און דערביי איז געלייגט געוואָרן א געוויסע אכט אף דער געאָגראפישער זייט, אף דער ראַיאָנירונג פון די דערשיינונגען, מיט וועלכע דער לייענער קלייבט זיך צו באקענען.

ווי עס איז שוין אָנגעוויזן אפן שארבלאט, איז דער אטלאס אן ארבעט פון א גרופע סטודענטן פון מײַרעוו-אוניווערזיטעט. אזוי ווי זי איז געמאכט געוואָרן אגעוו-אורכע, איז זי געגאנגען זייער לאנגזאם. אונדז איז אויסגעקומען זייער אָפט ענדערן די ציפערן, אריבערגיין צו ניידערשינענע קוואלן, אָפּווארפן די אלטע יעדיעס א. א. וו.

די קוואלן, וואָס זײַנען בא דער ארבעט אויסגענוצט געוואָרן, טראָגן א פארשיידענעם כאראקטער. אייניקע פון זיי פארדינען גענוג צוטרוי. אין אנדערע קומט אויס צו צווייפלען. מיר האָבן אָנגענומען מיטלען, קעדיי די אלע יעדיעס, וואָס מיר פארעפנטלעכן אין אונדזער בוך, זאָלן זײַן, אף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך, גענומען פון די ערשטע קוואלן און זאָלן ווערן קאָנטראָלירט דורך קאָמפּעטענטע פאכלײַט. א טייל יעדיעס האָבן מיר גענומען פארטיקע — איבערהויפּט פון די מאטעריאלן פון „אָרט" און צענטראלער סטאטיסטישער פארוואלטונג, א טייל האָבן מיר באקומען דירעקט פון די אנשטאלטן, וואָס פירן אָן מיט דעם אָדער יענעם געביט פון ארבעט. מיר האָבן געפּרוּווט דורכקאָנטראָלירן און באוויטיקן ווו דאָס איז געווען מעגלעך, די אומפארמיידלעכע טאָעסן און ווידערשפּרוכן, וואָס עס גיבן אונדז אָפט סטאטיסטישע מאטעריאלן. וועגן דעם אלץ ווערט אויספירלעכער גערעדט אין דעם טעקסט, וואָס באגלייט יעדע קארטאָגראם און דיאגראם.

אין דעם ערשטן אָפּטייל — סאָציאלער סטאטיסטיק האָבן מיר געלייגט אסאך אופמערקזאמקייט אף די יידיש-ריידנדיקע צווישן דער יידישער באפעלקערונג. מיר האלטן, אז דאָס איז וויכטיק, אף וויפל דאָס גיט א מעגלעכקײַט צו ראַיאָנירן די

הויפּט-צענטרען פון דער ייִדארבעט. מיר ווילן דערמיט ניט זאָגן, אז צווישן ייִדן, וואָס
זייער מוטערשפּראך איז ניט ייִדיש, דארף מען קיין שום ייִדארבעט ניט פירן, ווי אויך —
אז דאָס רעדן ייִדיש איז דער איינציקער סימען, לויט וועלכן מיר דארפן אָריענטירן אונד-
זער ארבעט. נאָר דאָס אז דער שווערפּונקט פון ייִדישער ארבעט ליגט דאָרטן, ווו עס לעבן
קאָמפּאקטע ייִדיש-ריידנדיקע האָרעפּאשנע מאסן. באם פאָרשטעלן די סאָציאלע סטרוקטור
פון דער ייִדישער באפעלקערונג, האָבן מיר זיך באגעגנט מיט געוויסע שוועריקייטן. די
צ. ס. פּ. און נאָך איר אויך דער „אָרט" גיבן דידאָזיקע סטרוקטור אף אזא אויפן. עס ווערן
געגעגעבן די וויכטיקסטע סאָציאלע גרופּן: ארבעטער, אָנגעשטעלטע, פרייע פּראָפעסיעס,
באלעבאטים-יעכידים, באלעבאטים, וואָס ארבעטן מיט דער הילף פון פאמיליען-מיטגלידער,
וואָס העלפן אין דער ארבעט, באלעבאטים, וואָס נוצן אויס געדונגענע ארבעטס-קראפט,
ארבעטלאָזע, אָן באשטימטע פּראָפעסיעס, און אנדערע. נאָכדעם ווערן דידאָזיקע גרופּן פּא-
נאנדערגעטיילט לויט די וויכטיקסטע צווייַגן פון דערווירטשאפט. עס איז קלאָר, אז אף
אזא קאָמפּליצירטן אויפן האָבן מיר בעשומויפן ניט נעקאָנט פאָרשטעלן גראפיש די
סאָציאלע סטרוקטור פון דער ייִדישער באפעלקערונג. באנוגענען זיך מיטן ערשטן טייל פון
דער גרופּירונג וואָלט אָבער אויך געווען ניט ריכטיק, מאכמעס דאָס וואָלט אינגאנצן פאר-
עמירן דאָס בילד. בא דערדאָזיקער גרופּירונג פאלט אינגאנצן ארויס די גרופּע „הענדלער",
וואָס פיגורירט אונטער די נעמען באלעבאטים, יעכידים א. א. וו. עס איז קלאָר, אז א
הענדלער א יאָכיד איז לויט זיין סאָציאלן פּאָנעם לאכלוטן ניט ענלעך צו א פּויער א יאָכיד
אָדער צו א קוסטאר א יאָכיד. אויב אזא גרופּירונג איז ניט דערלאָזבאר פאר דער באפעל-
קערונג פון פ. ס. ס. ר. ביכלאל, איז זי נאָך ווינציקער דערלאָזבאר בענוגע דער ייִדי-
שער באפעלקערונג, ווו די גרופּע הענדלער שפּילט נאָך א גאנץ באדייַטנדיקע ראָלע. דערי-
בער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אף יענער גרופּירונג, וואָס עס האָט געגעבן דער „אָרט",
אין זיינע ערשטע ביולעטענען, נעמלעך: ארבעטער, פּויערים, אָנגעשטעלטע, פרייע
פּראָפעסיעס, קוסטארן אָן געדונגענער ארבעטס-קראפט, הענדלער, ארבעטלאָזע און אנדערע.
אזוי ווי בא דערדאָזיקער גרופּירונג ווערט פארשמירט דער סאָציאלער פּאָנעם פון די קוס-
טארן און פּויערים, האָבן מיר געגעבן באזונדערע דיאגראמען וועגן זייער סאָציאלן באש-
טאנד. מיר האלטן, אז אָט די אלע אָנגערופענע דיאגראמען גיבן א גענוג בולטע סכעמע
וועגן דער סאָציאלער סטרוקטור פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין פ. ס. ס. ר.

די סכעמע איז אָבער א סטאטישע. עס איז זייער וויכטיק צו באווייזן יענע סאָציאל-
עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס די רעוואָלוציע האָט ארויסגערופן צווישן דער ייִדישער בא-
פעלקערונג. דער גראנדיעזער איבערבויונגס-פּראָצעס פון דער סטרוקטור פון דער ייִדישער
באפעלקערונג, וואָס קומט פאָר טאָג-טעגלעך אף אונדזערע אויגן, די פּראָדוקטיוויזירונג און
לאבאָראַזירונג פון די ייִדישע פאראָרעמטע מאסן, וואָס גייט מיט אזעלכע שנעלע טריט, —
האָט אף א וועלכן עס איז אויפן געדארפט פאָרגעשטעלט ווערן אין אונדזער אטלאס. מיר
באגעגענען זיך דאָ אָבער מיט גרויסע שוועריקייטן. ערשטנס, האָבן מיר פריערדיקע
יעדיעס נאר פארן 1897-טן יאָר. צווייטנס, קאָנען מיר פון דאָרטן שעפּן מאטעריאלן
איבערהויפּט וועגן דעם פּראָפעסיאָנעלן באשטאנד פון דער באפעלקערונג. וועגן דער סאָציא-
לער סטרוקטור וואָלט מען עפּשער געקאָנט פון די אלטע מאטעריאלן ארויסציען אייניקע
פאקטן, דאָס פאָדערט אָבער גרויסע און ספּעציעלע ארבעט און דאָס לאָזט זיך
קימאט ניט פאָרצושטעלן גראפיש. צווייטנס, זיינען די עצעם מאטעריאלן פון 1897-טן און
1926-טן יאָר ווינציק פארגלייַכבאר, מאכמעס די גרופּירונגען, וואָס טראָגן איינעם און
דעמזעלבן נאָמען ביז און נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן אָפּטמאָל א פארשיידענעם סאָציאלן
מעהוס.

דאָך האָבן מיר אין עטלעכע דיאגראמען געגעבן א פארגלייַך מיטן 1897-טן יאָר,
דאָס בילד פון די סטרוקטור-ענדערונגען באקומט זיך גענוג בולעט. קעדיי דאָסדאָזיקע בילד
צו פארשטארקן און מאכן מער רעליעפיש, האָבן מיר נאָך געגעבן א פארגלייַך פון פּראָ-

פעסיאָנעלן באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג אין פ. ס. ס. ר, מיט די לימיטראָפן (קאָנגרעס-פוילן, ליטע, לעטלאנד). דידאָזיקע דיאגראם באווייזט זייער קלאָר די גרויסע נאפקעמינע צווישן דעם, וואָס עס קומט פאָר בא אונדז און אין די קאפיטאליסטישע לענדער.

צו א מער גענויערע אויספאָרשונג — אן אויספירלעכן פארגלייך פון דער פראָפעסיאָנעלער און סאָציאלער סטרוקטור פון דער יידישער באפעלקערונג — סיי אין די ביז רעוואָלוציאָנערע יאָרן, סיי אין די קאפיטאליסטישע לענדער — האָפן מיר זיך די נאָענטסטע צייט אומצוקערן. דאָס איז אן ארבעט, מיט וועלכער עס פארנעמט זיך איצטער אונדזער סטאטיסטיש-עקאָנאָמישער קרייז.

די פראָדוקטיוויזירונגס-פראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער יידישער באפעלקערונג אין סאָוועטן-פארבאנד, גייען איבערהויפט אף צוויי וועגן — ארייננציונג אין אינדוסטריע און איבערגאנג צו לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט.

צום באדויערן איז אונדז ניט געלונגען צו געפינען וועלכע עס איז אויסשעפנדיקע מאטעריאלן וועגן דער ארייננציונג פון די יידישע מאסן אין דער גרויס-אינדוסטריע. די צופעליקע יעדיעס, וואָס מיר באגעגענען טאָג-טעגלעך אין אונדזערע פעריאָדישע אויסגאבן, גיבן ניט אזא מאטעריאל, וואָס זאָל קאָנען אויגענוצט ווערן אין אונדזער אטלאס. דער פראָצעס פון אָרגאניזירונג איז באוווּסט מער. וועגן דעם זיינען דאָ מער אָדער ווינציקער אויסשעפנדיקע מאטעריאלן און דער לייענער וועט וועגן דעם געפינען אין דעם אָפטייל וועגן ערד-איינאָרדענונג.

א געוויסע דערווידערונג קאָן באגעגענען אין דעם ערשטן אָפטייל דער טערמין „געדיכטקייט". אונטער וועלכן מיר האָבן פארשטאנען דעם פראָצענט יידן צווישן דער גאנצער באפעלקערונג. די סטאטיסטיקער געברויכן דעם טערמין געדיכטקייט פון באפעלקערונג, אלס די צאָל מענטשן, וואָס לעבן אף 1 קוו. קמ. פון טעריטאָריע. וויפל יידן עס לעבן אף 1 קוו. קמ. פון דער אָדער יענער טעריטאָריע איז אונדז לאכלוטן ניט אינטערעסאנט, אָבער א גרויסן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר, וואָס פאר א פראָצענט מאכט אויס די יידישע באפעלקערונג בענעגייע צו דער אלגעמיינער און אָט דאָס האָבן מיר אָנגערופן „געדיכטקייט". מיר האלטן, אז עס איז ניט קיין גרויסע בייז ארייננצופירן דעמדאָזיקן טערמין און אז מע דארף זיך ניט האלטן טאָמער פינקטלעך אָן אלע פארגליווערטע ווערטער פון „כאָכמאס-האסטאטיסטיק".

צום סאָף פון דער אָפטיילונג גיבן מיר 2 קארטאָגראמעס, וואָס שילדערן די עמיגראציע-פראָצעסן און די צאָל יידן אף דער וועלט. זיי האָבן ניט אין אונדזער אטלאס קיין זעלבשטענדיקע באדייטונג און זיינען געגעבן געוואָרן נאָר צוליב דערגאנצונג.

וועגן ערדאיינאָרדענונג זיינען געוועזן ציפערן, וואָס האָבן ארויסגערופן פיל ספייקעס, וואָס זיינען אָפטמאָל נעווען ווידערשפרעכלעך. דאָך האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפצושפיגלען אין אטלאס די וויכטיקסטע זייטן פון דער ערד-איינאָרדענונגס-פראָבלעם, אויסער איין זייט. דאָס איז די פראגע וועגן קאָלעקטיוויזירונג. ניט אין קאָמערד, ניט אין געזערד, ניט אין קאָלווירטצענט האָבן מיר ניט געקאָנט באקומען קיין געהעריקע מאטעריאלן וועגן דעם צושטאנד און גאנג פון דער קאָלעקטיוויזירונג אין די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע יישובים. די איינציקע קארטאָגראם, וואָס איז געווידמעט דערדאָזיקער פראגע, גיט א פאָרשטעלונג פאר או.ס.ס.ר. און קרים אפן 1-טן אפרעל 1929-טן יאָר און שטעלט מיט זיך פאָר א בילד, וואָס איז ווייט אָפגעשטאנען פון דער ווירקלעכקייט. אין טעקסט צו דער קארטאָגראם גיבן מיר איינינקע שפעטערדיקע יעדיעס, אָבער נאָר פאר איינצלנע ראיאָנען.

מער מאטעריאל איז אונדז געלונגען צונויפצוזאמלען וועגן קולטור-בויונג אין דער יידישער סוויווע. אויך דאָ האָבן מיר געהאלטן פאר נויטיק צו מאכן א פארגלייך מיטן אלטן רוסלאנד און אויך מיט אנדערע לענדער, ווו עס לעבן קאָמפאקטע יידישע מאסן און ווו עס קאָכן זיך אין קעסל פון יידישיזם די „געלערנטע" אפיטרופסים פון „יידישער קול-

יטור". דערדאַזיקער פאַרגלײַך גיט אונדז א געגוגנדיק בוילעט בילד וועגן די מעגלעכקײַט פון בויען קולטור-אויצרעס אף דער אייגענער שפּראַך אין סאָוועטישן פאַרבאַנד און אין ד קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די לעצטע צוויי אָפּטײלונגען „יידן אין פּאַרטיי און קאָמיוג און ראַטן-בויונג אין דער יידישער סוויועו" נויטיקן זיך ניט אין וועלכע עס איז באַזונ-דערע באַמערקונגען און אָנווײַזונגען. עס איז קעדײַ נאָר צו זאָגן, אז פאַר דער אָפּטײלונג וועגן דער ראַטן-בויונג אין דער יידישער סוויווע האָבן מיר באַקומען גאַנץ קנאַפּע מאַטע-ריאַלן. בכּלל וואָרט נאָך דידאָזיקע פראַגע אף איר קאָמפּיטענטן פאָרשער.

דער אַטלאַס האָט געוויס אַסאַך פעלערן, ער האָט געוויס געקאָנט זײַן בעסער און אינהאַלטרײַכער. דאָך רעכענען מיר, אז אָט דער ערשטער פּרווו פון א קאָלעקטיווער סטו-דענטישער אַרבעט וועט קאָנען ברענגען נוצן אין אונדזער לערן-אַרבעט און דעריבער דער-לויבן מיר זיך עס אַרויסצולאָזן פון דרוק.

מיר נוצן דאָ אויס די געלעגנהײַט אויסצודריקן אונדזער דאַנק די כ"כ טשעמעריסקין, מינדלין, קאַנטאָר, לעזמאַן, מישאַלאָוו, קליאַטשקאָ-גורוויטש, פּאַלאַטניק און ראַטנער, וועלכע האָבן אונדז געגעבן זייערע מאַטעריאַלן און קאָמפּעטענטע אָנווײַזונגען בא דער אַרבעט.

אין צונויפשטעלן די אַרבעט האָבן גענומען אַן אָנטייל די פאָלגנדיקע סטודענטן פון יידישן סעקטאָר פון מײַרעוו-אוניווערזיטעט: האָפמאַן, ליווּשיץ, קראַסנאָוו, ראָזנפעלד, ראָנסקי, רובינשטיין, רינסקי און שעכטמאַן.

רעדאַקציע.

ערשטער אָפּטייל

# סאָציאַלע סטאַטיסטיק

## די צעטיילונג פון דער יידישער באפעלקערונג לויט די רעפובליקן (אין אבסאלוטע צאלן און אין %%)

## РАСПРЕДЕЛЕЛЕНИЕ ЕВРЕЙСКОГО НАСЕЛЕНИЯ по РЕСПУБЛИКАМ

(в абсолютных числах и %%)



## די צעטיילונג פון דער יידישער באפעלקערונג לויט די רעפובליקן (אין אבסאָלוטע צאָלן און אין %) פאַר די יאָרן 1897, 1923 און 1926

| נעמען פון די רעפובליקן | 1897 | | 1923 | | 1926 | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | אבסאָלוטע צאָל (אין טויזנטער) | % | אבסאָלוטע צאָל (אין טויזנטער) | % | אבסאָלוטע צאָל (אין טויזנטער) | % |
| או. ס. ס. ר. | 1674 | 66,8 | 1409 | 58,6 | 1,574.391 | 60,4 |
| וו. ס. ס. ר. | 472 | 18,8 | 494 | 20,5 | 407.059 | 15,7 |
| ר. ס. פ. ס. ר. | | | | | 566.925 | 21,8 |
| טראנסקאווקאז | | | | | 30.489 | 1,2 |
| אוזבעקיסטאן | 358 | 14,4 | 502 | 20,9 | 20.262 | 0,8 |
| טורקמעניסטאן | | | | | 1.819 | 0,1 |
| סאַכאַקל | 2.504 | 100 | 2.405 | 100 | 2.600.945 | 100 |

## דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער יידישער באפעלקערונג בענויגייע דער אלגעמיינער אין % פאַר 1926 יאָר לויט די רעפובליקן

| נעמען פון די רעפובליקן | דער % פון דער יידישער באפעלקערונג אין באצונג צו דער אלגעמיינער |
|---|---|
| או. ס. ס. ר. | 5,4 |
| ר. ס. פ. ס. ר. | 0,5 |
| וו. ס. ס. ר. | 8,2 |
| טראנסקאווקאז | 0,5 |
| אוזבעקיסטאן | 0,4 |
| טורקמעניסטאן | 0,2 |
| אין גאנץ פ. ס. ס. ר. | 1,8 |

באמערקונג: די ציפערן זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויט די ארטיקלען פון ל. ג. זינגער.


אלגעמיינע צאָל
פון דער ייִדישער
באפעלקערונג
אין פ.ס.ס.ר
ЕВРЕЙСКОЕ
НАСЕЛЕНИЕ в
С.С.С.Р.
קאזאקסטאן
פערם
אופע
קאזאן
סאמארע
פסקאוו
טווער
ווי̇אטקע
•-2000 челов.
•-2000 челов.

# די אבסאָלוטע צאָל ייִדן לויט די גובערניעס און קרייזן פון פ. כ. ס. ר. אין 1926 יאָר.

| | נאָמען פון גובערניע, קרייז | | צאָל ייִדן |
|---|---|---|---|
| | **ר. ס. פ. ס. ר.** | | |
| 1 | ארכאנגעלסק. | גוב. | 1469 |
| 2 | איוואַנאָוואָזנעסענסק. | „ | 1377 |
| 3 | ריאַלער | „ | 5293 |
| 4 | איש מער | קרייז | 286 |
| 5 | אָרענבורגער | גוב. | 2679 |
| 6 | אוליא.אָ יוסקער | „ | 1452 |
| 7 | אסטראכאנער | „ | 6089 |
| 8 | אטשינער | קרייז | 1740 |
| 9 | אירקוטסקער | „ | 9083 |
| 10 | אָמ:קער | „ | 4389 |
| 11 | בריאנסקער | גוב. | 37331 |
| 12 | באשקירער | א.ס.ר. | 2185 |
| 13 | ב ראבי:ער | קרייז | 2227 |
| 14 | בוריאטא-מאָנגאָל | א.ס.ר. | 4296 |
| 15 | גראָזנע | שטאט | 1312 |
| 16 | דאָנער | קרייז | 27164 |
| 17 | דאגע:טאַנער | א.ס.ר. | 3138 |
| 18 | וואָלאָגדער | גוב. | 1342 |
| 19 | וולאדימירער | „ | 1051 |
| 20 | וואראָנעזשער | „ | 6026 |
| 21 | וויאטקער | „ | 829 |
| 22 | ווייט מיזרעך | געגנד | 7703 |
| 23 | וולאדיקאווקאז | שטאָט | 1001 |
| 24 | זלאַטאָוסטער | קרייז | 293 |
| 25 | טשערעפאָוועצער | גוב. | 541 |
| 26 | טווערער | „ | 4132 |
| 27 | טולער | „ | 3750 |
| 28 | טאמבאָווער | „ | 2196 |
| 29 | טאָבאָלער | קרייז | 773 |
| 30 | טראָיצקער | „ | 453 |
| 31 | טיומענער | „ | 781 |
| 32 | טשעליאבינסקער | „ | 1184 |
| 33 | טאטארער | א.ס.ס.ר. | 4265 |

| | נאָמען פון גובערניע, קרייז | | צאָל ייִדן |
|---|---|---|---|
| 34 | טשוואשער | „ | 270 |
| 35 | טאגאנראגער | קרייז | 2708 |
| 36 | טער:קער | „ | 2002 |
| 37 | טשאָרנאָמאָרער | „ | 2358 |
| 38 | טאָמסקער | „ | 5505 |
| 39 | טולינאָווער | „ | 1220 |
| 40 | יאראָסלאווער | גוב. | 3024 |
| 41 | יאקוטער | א.ס.ס.ר. | 842 |
| 42 | לענינגראדער | גוב. | 88193 |
| 43 | מאָסקווער | „ | 142368 |
| 44 | נאָווגאָראָדער | „ | 3871 |
| 45 | ניזשנע-נאווגאראדער | „ | 10679 |
| 46 | נאָוואָסיבירסקער | קרייז | 2301 |
| 47 | סעווערע-דווינסקער | גוב. | 170 |
| 47 | סמאָלענסקער | „ | 35656 |
| 49 | סאראפולער | קרייז | 262 |
| 50 | סווערדלאָווסקער | „ | 4098 |
| 51 | סאמארער | גוב. | 7655 |
| 52 | סאראטאָווער | „ | 7481 |
| 53 | סטאלינגראדער | „ | 2147 |
| 54 | סטאווראָפאָלער | קרייז | 1530 |
| 55 | פסקאָווער | גוב. | 22664 |
| 56 | פערמער | קרייז | 3100 |
| 57 | פענזער | „ | 2217 |
| 58 | קארעלער | א.ס.ס.ר. | 623 |
| 59 | קאלוגער | גוב. | 1630 |
| 60 | קאָסטראָמער | „ | 912 |
| 61 | קורסקער | „ | 6140 |
| 62 | קורגאנער | קרייז | 288 |
| 63 | קרימער | א.ס.ס.ר. | 39921 |
| 64 | קובאנער | קרייז | 1965 |
| 65 | קאזאקער | א.ס.ס.ר. | 8561 |
| 66 | קאנסקער | קרייז | 1197 |
| 67 | קירענסקער | „ | 348 |
| 68 | קראסנאָיארסקער | „ | 3040 |

| | נאָמען פון גובערניע, קרייז | | צאָל ייִדן |
|---|---|---|---|
| 69 | ריאזאנער | גוב. | 995 |
| 70 | שאדרינסקער | קרייז | 307 |
| | **או. ס. ס. ר.** | | |
| 1 | אומאנער | קרייז | 57382 |
| 2 | איזיומער | „ | 554 |
| 3 | אָדעסער | „ | 170451 |
| 4 | ארטיאָמאווסקער | „ | 17622 |
| 5 | בעלאצערקווער | „ | 43572 |
| 6 | בערדיטשעווער | „ | 69649 |
| 7 | גלוכאווער | „ | 8842 |
| 8 | דנעפּראפּעטראווסקער | „ | 72719 |
| 9 | וואלינער | „ | 65589 |
| 10 | וויניצער | „ | 77254 |
| 11 | זינאוויעווסקער | „ | 32777 |
| 12 | זאפּאראזשער | „ | 18388 |
| 13 | טשערניגאווער | „ | 17565 |
| 14 | טולטשינער | „ | 48356 |
| 15 | טשערקאסער | „ | 44266 |
| 16 | כארקאווער | „ | 85424 |
| 17 | כערסאנער | „ | 35509 |
| 18 | ליבנער | „ | 10275 |
| 19 | לוגאנסקער | „ | 10185 |
| 20 | מאלעוו-פאראלסקער | „ | 39516 |
| 21 | מעליטאָפּאליער | „ | 15301 |
| 22 | מאריופּאָלער | „ | 13483 |
| 23 | מאלדאווער | א.ס.ס.ר. | 48564 |
| 24 | נעזשינער | קרייז | 8022 |
| 5 | ניקאלאיעווער | „ | 36696 |
| 26 | סומער | „ | 3179 |
| 27 | סטאראבעלסקער | „ | 240 |
| 28 | סטאלינער | „ | 12909 |
| 29 | פּראסקוראווער | „ | 46470 |
| 30 | פּאָלטאווער | „ | 22886 |

| | נאָמען פון גובערניע, קרייז | | צאָל ייִדן |
|---|---|---|---|
| 31 | פרילוקער | „ | 15075 |
| 32 | פּערוואמייסקער | „ | 41158 |
| 33 | קאראסטענער | „ | 40648 |
| 34 | קיבאטאפער | „ | 14047 |
| 35 | קאמענעצער | „ | 46163 |
| 36 | קיעווער | „ | 162211 |
| 37 | קרעמענטשוגער | „ | 38098 |
| 38 | קופיאנסקער | „ | 306 |
| 39 | קריוואראגער | „ | 21461 |
| 40 | ראָמנער | „ | 13606 |
| 41 | שעפעטאָווקער | „ | 48027 |
| | **ו. ס. ס. ר.** | | |
| 1 | ארשער | קרייז | 24533 |
| 2 | באברויסקער | „ | 52353 |
| 3 | באריסאווער | „ | 23508 |
| 4 | האמלער | „ | 45598 |
| 5 | וויטעבסקער | „ | 53428 |
| 6 | מינסקער | „ | 70713 |
| 7 | מאלעווער | „ | 34643 |
| 8 | מאזירער | „ | 27254 |
| 9 | סלוצקער | „ | 20861 |
| 10 | פּאָלאצקער | „ | 17334 |
| 11 | קאלינינער | „ | 19289 |
| 12 | רעטשיצער | „ | 17545 |
| | **טראנסקאווקאז** | | |
| 1 | אזערביידזשאנער | א.ס.ס.ר. | 20578 |
| 2 | אבכאזער | א.ס.ס.ר. | 702 |
| 3 | ארזשארער | „ | 1945 |
| 4 | גרוזינער | „ | 9576 |
| 1 | **אוזבעקער** | ס.ס.ר. | 20262 |
| 1 | **טורקמענער** | ס.ס.ר. | 1819 |



II


די יידישע שטאָטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג
אין פ.ס.ס.ר. און אין באַזונדערע רעפובליקן
ЕВРЕЙСКОЕ ГОРОДСКОЕ и СЕЛЬСКОЕ НАСЕЛЕНИЕ по СОЮЗУ и ОТДЕЛЬНЫМ РЕСПУБЛИКАМ.
אין פ.ס.ס.ר.
по союзу.
דאָרפישע
сельское население
שטאָטישע
городское население
457.031 (17,6%)
2.600.945 100%
2.143.914 (82,4%)
(די גאַנצע באַפעלקערונג = 100%)
לויט באַזונדערע רעפובליקן
אין %
по отдельным республикам в % (население принято за 100%)
ר.ס.פ.ס.ר. РСФСР
אוּ.ס.ס.ר. УССР
ווּ.ס.ס.ר. БССР
טראַנסקאַווקאַז ЗСФСР
אוזבעקיסטאַן Узбекист.
טורקמעניע Туркм.
32954 (5,8%)
533971 (94,2%)
355.776 (22,6%)
1218615 (77,4%)
66897 (16,4%)
340162 (83,6%)
1046 (3,3%)
29443 (96,7%)
312 (1,6%)
19.950 (98,5)
46 (2,5%)
1773 (97,5%)


די יידישע באַפעלקערונג לויטן געשלעכט
РАСПРЕДЕЛЕНИЕ ЕВРЕЙСКОГО НАСЕЛЕНИЯ по ПОЛУ.
אין פ ס ס ר
всего по союзу
פרויען
женщин.
מענער
мужчин.
1229515 (47,2%)
2.600.945 100%
1371430 (52,8%)
לויט באַזונדערע רעפובליקן
по отдельным республикам
ר.ס.פ.ס.ר. Р.С.Ф.С.Р.
אוּ.ס.ס.ר. У.С.С.Р.
ווּ.ס.ס.ר. Б.С.С.Р.
טראַנסקאַווקאַז З.С.Ф.С.Р.
אוזבעקיסטאַן Узбек
טורקמעניע Туркм.
289171 (51%)
277754 (49%)
840569 (53,4%)
733822 (46,6%)
215.192 (52,9%)
191867 (47,1%)
15452 (50,7%)
15037 (49,3%)
10287 (50,5%)
10.035 (49,5%)
819 (45,1%)
1000 (54,9%)

## III

### שטאָטישע און דאָרפישע יידישע באפעלקערונג אין אבסאָלוטע צאָל און % אין גאנץ פ.ס.ס.ר. און אין באזונדערע רעפובליקן אין 1926 יאָר

| נעמען פון די רעפובליקן | שטאָטישע באפעלקערונג | | דאָרפישע באפעלקערונג | | סאכאקל |
|---|---|---|---|---|---|
| | אבסאָלוטע צאָל | % | אבסאָלוטע צאָל | % | אבסאָלוטע צאָל |
| ר.ס.פ.ס.ר. | 533.971 | 94,2 | 32.954 | 5,8 | 566.925 |
| או.ס.ס.ר. | 1.218.615 | 77,4 | 355.776 | 22,6 | 1.574.391 |
| וו.ס.ס.ר. | 340.162 | 83,6 | 66.897 | 16,4 | 407.059 |
| טראנסקאווקאז | 29.443 | 96,7 | 1.046 | 3,3 | 30.489 |
| אוזבעקיסטאן | 19.950 | 98,5 | 312 | 1,5 | 20.262 |
| טורקמעניע | 1.773 | 97,5 | 46 | 2,5 | 1.819 |
| אין גאנץ פ.ס.ס.ר. | 2.143.914 | 82,4 | 457.031 | 17,6 | 2.600.945 |

## IV

### דער געשלעכט-צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג אין פ.ס.ס.ר. און באזונדערע רעפובליקן אין 1926 יאָר

| די נעמען פון די רעפובליקן | מענער | | פרויען | | סאכאקל |
|---|---|---|---|---|---|
| | אבסאָלוטע צאָל | % | אבסאָלוטע צאָל | % | אבסאָלוטע צאָל |
| ר.ס.פ.ס.ר. | 277.754 | 49 | 289.171 | 51 | 566.925 |
| או.ס.ס.ר. | 733.622 | 46,6 | 840.569 | 53,4 | 1.580.191 |
| וו.ס.ס.ר. | 191.867 | 47,1 | 215.192 | 52,9 | 407.059 |
| טראנסקאווקאז | 15.037 | 49,3 | 15.452 | 50,7 | 30.489 |
| אוזבעקיסטאן | 10.035 | 49,5 | 10.227 | 50,5 | 20.262 |
| טורקמעניע | 1.000 | 54,9 | 819 | 45,1 | 1.819 |
| אין גאנץ פ.ס.ס.ר. | 1.229.515 | 47,2 | 1.371.430 | 52,8 | 2.600,945 |


די געדיכטקייט
פון דער יידישער
באפעלקערונג
אין באצוג צו דער
אלגעמיינער באַ־
פעלקערונג
אין % %.
איראפעאישער
טייל פון
פ-ס-ס-ר
טנ־י־צייכנס
ביז 0,02
0,02-0,18
0,21-0,81
1,01-2,96
3,11-4,81
5,06-7,89
8,11 19,72
УСЛОВНЫЕ ЗНАКИ.
ПЛОТНОСТЬ ЕВРЕЙСКОГО НАСЕЛЕНИЯ
В %% КО ВСЕМУ НАСЕЛЕНИЮ.
ЕВРОПЕЙСК ЧАСТЬ С.С.С.Р.

# די געדיכטקייט פון דער יידישער באפעלקערונג אין באצוג צו דער אלגע־מיינער באפעלקערונג אין % % פאר דעם אייראָפּעישן טייל פון פ. ס. ס. ר. אין 1926 יאָר

| №№ לויט דער אָרדנונג | נאָמען פון גובערניע, קרייז | דער % יידן אין באצוג צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג |
|---|---|---|
| | **פון 19,72% ביז 8,11%** | |
| 1 | אָדעסער קרייז | 19,72 |
| 2 | מינסקער ״ | 13,10 |
| 3 | האָמלער ״ | 11,70 |
| 4 | קיִעווער ״ | 10,17 |
| 5 | וויניצער ״ | 9,96 |
| 6 | באָבּרויסקער ״ | 9,86 |
| 7 | בערדיטשעווער ״ | 9,51 |
| 8 | וואָלינער ״ | 9,50 |
| 9 | וויטעבסקער ״ | 9,16 |
| 10 | קאמענעצער ״ | 8,53 |
| 11 | מאָלדאווער א. ס. ס. ר. | 8,48 |
| 12 | מאָזירער קרייז | 8,26 |
| 13 | פּראָסקוראָווער ״ | 8,11 |
| | **פון 7,89% ביז 5,06%** | |
| 14 | קאָראָסטענער קרייז | 7,80 |
| 15 | מאָלעוו-פּאָדאָלסקער ״ | 7,57 |
| 16 | ניקאָלאיעווער ״ | 7,38 |
| 17 | שעפּעטאָווקער ״ | 7,28 |
| 18 | רעטשיצער ״ | 6,88 |
| 19 | טולטשינער ״ | 6,84 |
| 20 | סלוצקער ״ | 6,74 |
| 21 | מאָלעווער (וו.ס.ס.ר.) ״ | 6.52 |
| 22 | אומאנער ״ | 6,42 |
| 23 | כערסאָנער ״ | 6,28 |
| 24 | פּערוואָמייסקער ״ | 6,18 |
| 25 | באָריסאָווער ״ | 6,17 |
| 26 | אָרשער ״ | 5,89 |
| 27 | דנעפּראָפּעטראָווסקער ״ | 5,63 |
| 28 | קרימער א. ס. ס. ר. | 5,59 |
| 29 | פּאָלאָצקער קרייז | 5,35 |
| 30 | כארקאָווער ״ | 5,33 |
| 31 | קאלינינער ״ | 5,14 |
| 32 | בעלאָצערקאָווער ״ | 5,06 |
| | **פון 4,81% ביז 3,11%** | |
| 33 | קרעמענטשוגער קרייז | 4,81 |
| 34 | זינאָוויעווסקער ״ | 4,26 |
| 35 | טשערקאסער ״ | 3,89 |
| 36 | קריוואָראָגער ״ | 3,80 |
| 37 | זאפּאָראָזשער ״ | 3,45 |
| 38 | טשערניגעוואָר ״ | 3,29 |
| 39 | מאריופּאָלער ״ | 3,25 |
| 40 | לענינגראַדער גוב. | 3,16 |
| 41 | מאָסקווער ״ | 3,11 |
| | **פון 2,96% ביז 1,01%** | |
| 42 | פּרילוקער קרייז | 2,96 |
| 43 | ראָמנער ״ | 2,54 |
| 44 | דאָנער ״ | 2,40 |
| 45 | ארטיאָמאָווסקער ״ | 2,36 |
| 46 | קאָנאָטאָפּער ״ | 2,13 |
| 47 | פּאָלטאווער ״ | 2,10 |
| 48 | מעליטאָפּאָליער ״ | 2,08 |
| 49 | סטאלינער ״ | 1,97 |
| 50 | בריאנסקער גוב. | 1,86 |
| 51 | לובנער קרייז | 1,81 |
| 52 | נעזשינער ״ | 1,70 |
| 53 | לוגאנסקער ״ | 1,66 |
| 54 | גלוכאָווער ״ | 1,60 |

| №№ לויט דער אָרדנונג | נאָמען פון גובערניע, קרייז | דער % יידן אין באצוג צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג |
|---|---|---|
| 55 | סמאָלענסקער גוב. | 1,56 |
| 56 | פּסקאָווער ״ | 1,27 |
| 57 | אסטראכאנער ״ | 1,19 |
| 58 | טאגאנראָגער ״ | 1,01 |
| | **פון 0,81% ביז 0,21%** | |
| 59 | טשערנאָמאָרער קרייז | 0,81 |
| 60 | סווערדלאָווסקער ״ | 0,66 |
| 61 | טאָבּאָלסקער ״ | 0,55 |
| 62 | סומער ״ | 0,46 |
| 63 | פּערמער ״ | 0,43 |
| 64 | ניזשנע-נאָווגאָראָדער גוב. | 0,39 |
| 65 | נאָווגאָראָדער ״ | 0,37 |
| 66 | אָרענבורגער ״ | 0.36 |
| 67 | ארכאנגעלסקער ״ | 0,34 |
| 68 | טערעקער קרייז | 0,33 |
| 69 | סאמארער גוב. | 0,32 |
| 70 | אָרלאָווער ״ | 0.28 |
| 71 | סאראטאָווער ״ | 0.26 |
| 72 | טולער ״ | 0,25 |
| 73 | טשעלאבינסקער קרייז | 0,24 |
| 74 | יאראָסלאווער גוב. | 0,23 |
| 75 | קארעלער א. ס. ס. ר. | 0,23 |
| 6 | קורסקער גוב. | 0,21 |
| 77 | סטאווראָפּאָלער קרייז | 0,21 |
| | **פון 0,18% ביז 0,02%** | |
| 78 | טווערער גוב. | 0,18 |
| 79 | וואָראָנעזשער ״ | 0,18 |
| 80 | טאטארישע א. ס. ס. ר. | 0,16 |
| 81 | איזיומער קרייז | 0,15 |
| 82 | סטאלינגראדער גוב. | 0,15 |
| 83 | טיומענער קרייז | 0,15 |
| 84 | טראָיִצקער ״ | 0,14 |
| 85 | קאלוגער גוב. | 0,14 |
| 86 | קובאנער קרייז | 0,13 |
| 87 | וואָלאָגדער גוב. | 0,13 |
| 88 | זלאטאוּסטער קרייז | 0,12 |
| 89 | איוואנאָוואָזנעסנסקער גוב. | 0,11 |
| 90 | קאָסטראָמער ״ | 0,11 |
| 91 | אוליאנאָווער ״ | 0,10 |
| 92 | פּענזער ״ | 0,10 |
| 93 | באשקירער א. ס. ס. ר. | 0,08 |
| 94 | שאדרינער קרייז | 0.08 |
| 95 | טאמבאָווער גוב. | 0,08 |
| 96 | וולאדימירער ״ | 0,08 |
| 97 | קופּיאנסקער קרייז | 0,07 |
| 98 | טשערעפּאָוועצער גוב. | 0,07 |
| 99 | קורגאנער קרייז | 0,06 |
| 100 | אישימער ״ | 0,06 |
| 101 | סטאראָבעלסקער ״ | 0,05 |
| 102 | סאראפּולער ״ | 0,05 |
| 103 | וויאטקער גוב. | 0,04 |
| 104 | ריאזאנער ״ | 0,04 |
| 105 | טשוּוואשער א. ס. ס. ר. | 0,03 |
| 106 | סעווערא-דווינסקער גוב. | 0,02 |
| | **ביז 0,02%** | |
| 107 | איבעריקע גובערניעס און קרייזן | |


די געדיכטקייט פון דער יידישער
באפעלקערונג אין באצוג צו דער אל=
געמיינער באפעלקערונג-אין %%.
אזיאטישער טייל
"פ.ס.ס.ר."
ПЛОТНОСТЬ
ЕВРЕЙСКОГО НАСЕЛЕНИЯ
в %%
КО ВСЕМУ НАСЕЛЕНИЮ
АЗИАТСКАЯ ЧАСТЬ
С.С.С.Р.
טנאי־צייכנס:
ביז 0,02
0,05-0.2
0,2-0,89
1,27-1,92
УСЛОВНЫЕ
ЗНАКИ.

## די געדיכטקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין באַצוג צו דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג אין % % פאַר דעם אַזיאַטישן טייל פון פ.ס.ס.ר. אין 1926 יאָר

| №№ לויט דער אָרדענונג | נאָמען פון גובערניע, קרייז | דער % ייִדן אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. |
|---|---|---|
| | פון 1,92% ביז 1,27% | |
| 1 | אירקוטסקער קרייז . . . | 1,92 |
| 2 | אַדזשאַרער א.ס.ס.ר. . . . | 1,47 |
| 3 | גראָזנע שטאָט . . . | 1,35 |
| 4 | וולאַדיקאַווקאַז „ . . . | 1,27 |
| | פון 0,89% ביז 0,2% | |
| 5 | אַזערבײַדזשאַנער א.ס.ס.ר. . . . | 0,89 |
| 6 | בוריאַטאָ-מאָנגאָלער „ . . . | 0,87 |
| 7 | קראַסנאָיאַרסקער קרייז . . . | 0,82 |
| 8 | טאָמסקער „ . . . | 0,76 |
| 9 | קירענסקער „ . . . | 0,71 |
| 10 | טולונאָווער „ . . . | 0,55 |
| 11 | אָמסקער „ . . . | 0,53 |
| 12 | באַראַבינער „ . . . | 0,44 |

| №№ לויט דער אָרדענונג | נאָמען פון גובערניע, קרייז | דער % ייִדן אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. |
|---|---|---|
| 13 | אַטשינער קרייז . . . | 0,44 |
| 14 | ווײַט-מיזרעך געגנט . . . | 0,41 |
| 15 | דאַגעסטאַנער א.ס.ס.ר. . . . | 0,40 |
| 16 | אוזבעקער ס.ס.ר. . . . | 0,39 |
| 17 | גרוזינער ס.ס.ר. . . . | 0,36 |
| 18 | אַבכאַזער א.ס.ס.ר. . . . | 0,35 |
| 19 | יאַקוטער . . . . . . . . | 0,34 |
| 20 | קאַנסקער קרייז . . . | 0,32 |
| 21 | נאָוואָ-סיבירסקער „ . . . | 0,29 |
| | פון 0,2% ביז 0,05% | |
| 22 | טורקמענער ס.ס.ר. . . . | 0,2 |
| 23 | קאַזאַקער א.ס.ס.ר. . . . | 0,05 |
| | ביז 0,05% | |
| 24 | איבעריקע קרייזן . . . . . . | |

באַמערקונג. אין די טאַבעלעס זײַנען אײַנגעשלאָסן נאָר די מיזרעך-ייִדן. די באַרג-ייִדן, גרוזינישע, קרימער, טורקמענישע און אוזבעקישע ייִדן זײַנען אין די רעכענונגען ניט אַרײַנגעגאַנגען.


שטעט
מיט א
יידישער
באפעלקערונג
העכער פאר 5000
ГОРОДА
С ЕВРЕЙСКИМ
НАСЕЛЕНИЕМ
СВЫШЕ
5 ТЫСЯЧ
לענינגראד
84,5
מאסקווע
131,2
140,3
153,2
אדעס
53,7
מינסק
אירקוטסק
טאשקענט
באקו

## יִשוּווים פון שטאָטישן טיפּ מיט א ייִדישער באפעלקערונג העכער פאר 5000 אין 1926 יאָר

| דער № לויט אָרדענונג | נאָמען פון שטאָט | אבסאָלוטע צאָל ייִדן | דער № לויט אָרדענונג | נאָמען פון שטאָט | אבסאָלוטע צאָל ייִדן |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | אָדעס | 153.243 | 36 | באלטע | 9.716 |
| 2 | קיִעוו | 140.256 | 37 | פרילוק | 9.001 |
| | מאָסקווע | 131.244 | 38 | ראָמען | 8.591 |
| 4 | לענינגראד | 84.480 | 39 | מעליטאָפּאָל | 8.583 |
| 5 | כארקאָוו | 81.130 | 40 | באָריסאָוו | 8. |
| 6 | דנעפּראָפּעטראָווסק | 62.073 | 41 | סלוצק | 8.358 |
| 7 | מינסק | 53.686 | 42 | פּאָלאָצק | 8.186 |
| 8 | האָמעל | 37.745 | 43 | טולטשין | 7.708 |
| 9 | וויטעבסק | 37,013 | 44 | מאריופּאָל | 7.732 |
| 10 | בערדיטשעוו | 30.812 | 45 | רעטשיצע | 7.386 |
| 11 | זשיטאָמיר | 30.012 | 46 | אירקוטסק | 7.159 |
| 12 | קרעמענטשוג | 28.969 | 47 | לוגאנסק | 7.132 |
| 13 | ראָסטאָוו אַפן דאָן | 26.323 | 48 | סאמארע | 6.981 |
| 14 | אומאן | 22.179 | 49 | סטאַראָקאָנסטאנטינאָוו (זשיט. קר.) | 6.900 |
| 15 | וויניציע | 21.812 | 50 | סאראטאָוו | 6.717 |
| 16 | ניקאָלאיעוו | 21.786 | 51 | אָרשע | 6.780 |
| 17 | באָברויסק | 21.558 | 52 | ארטיאָמאָווסק | 6.631 |
| 18 | באקו | 19.589 | 53 | נאָוואָגראד-וואָלינסק | 6.500 |
| 19 | פּאָלטאווע | 18.476 | 54 | טיראספּאָל (מאָלד. א. ס. ס. ר.) | 6.400 |
| 20 | זינאָוויעווסק | 18.358 | 55 | נעוועל | 6.169 |
| 21 | סימפעראָפּאָל | 17.364 | 56 | נעזשין | 6.131 |
| 22 | מאָליעוו (וו. ס. ס. ר.) | 17.105 | 57 | קאָראָסטען | 6.089 |
| 23 | בעלאָצערקאָוו | 15.624 | 58 | אסטראכאן | 5.909 |
| 24 | כערסאָן | 14.837 | 59 | מאָזיר | 5.901 |
| 25 | פּראָסקוראָוו | 13.408 | 60 | קאָנאָטאָפּ | 5.763 |
| 26 | סמאָלענסק | 12.887 | 61 | קריוואָראָג | 5.730 |
| 27 | קאמענעץ-פּאָדאָלסק | 12.774 | 62 | טיפליס | 5.706 |
| 28 | סטאלין | 11.342 | 63 | לובנע | 5.341 |
| 29 | זאפּאָראָזשיע | 11.319 | 64 | סומע | 5.300 |
| 30 | טשערקאס | 10.866 | 65 | פּאָלאָנע (שעפּעטאָווקער קרייז) | 5.300 |
| 31 | טשערניגאָוו | 10.607 | 66 | קלינצי | 5.248 |
| 32 | פּערוואָמײַסק | 9.896 | 67 | וואָראָנעזש | 5.208 |
| 33 | מאָלעוו-פּאָדאָלסק | 9.622 | 68 | סעוואסטאָפּאָל | 5.204 |
| 34 | ניזשני-נאָווגאָראָד | 9.382 | 69 | זאָלאָטאָנאָשע (טשערקאסער קרײַז) | 5.200 |
| 35 | טאשקענט | 9.291 | 70 | הײַסין (טולטשינער קרײַז) | 5.200 |

באמערקונג. 1. אין צעטל, ווי אויך אין קאַרטאָגראַם זײַנען ארײַן נאָר שטעט און יִשוּווים פון שטאָטישן טיפּ. 2. די ציפערן אף דער קארטאָגראם באווייזן טויזנטער.

## שרײפטקענעוודיקײט פון דער ײדישער באפעלקערונג לויט רעפובּ־ ליקן און געשלעכט (דער % פון שרײפטקענעוודיקע)

## ГРАМОТНОСТЬ ЕВРЕЙСК. НАСЕЛЕНИЯ по РЕСПУБЛИКАМ и ПОЛУ.

(в % ко всему населению)




## שרײפטקענעוודיקײט פון דער ײד. באפעלק. אין % אין פארגלײך מיט דער שרײפטקע־ נעוודיקײט פון דער גאנצער באפעלקערונג אין פ.ס.ס.ר. לויט די רעפובליקן

## ГРАМОТНОСТЬ ЕВРЕЙСКОГО НАСЕЛЕНИЯ в % по СРАВНЕНИЮ с ГРАМОТНОСТЬЮ всего НАСЕЛЕНИЯ по СОЮЗУ и ОТДЕЛЬНЫМ РЕСПУБЛИКАМ.



### I. שריפטקענעוודיקײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג לויט רעפּובליקן און געשלעכט (דער % שריפטקענעוודיקע) אין 1926 יאָר

| נאָמען פון רעפּובּ׳יק | דער % שריפטקענעוודיקע | | |
|---|---|---|---|
| | פרויען | מענער | אלגעמיינער |
| ר. ס. פ. ס. ר. . . . . . . . . . | 80,0 | 83,8 | 81,9 |
| או. ס. ס. ר. . . . . . . . . . . | 70,0 | 73,9 | 70,0 |
| וו. ס. ס. ר. . . . . . . . . . . | 66.0 | 72,1 | 68,9 |
| טראַנסקאַווקאַז . . . . . . . . | 72,4 | 78,3 | 75,3 |
| אוזבעקיסטאַן . . . . . . . . . | 52,2 | 68,5 | 60,3 |
| גאַנץ פ. ס. ס. ר. . . . . . . . . | 69,2 | 75,8 | 72,3 |

### II. די שריפטקענעוודיקײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין % אין פאַרגלײַך מיט דער שריפטקענעוודיקײַט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פ. ס. ס. ר. און לויט די רעפּובליקן

| נאָמען פון רעפּובליק | % שריפטקענעוודיקע | |
|---|---|---|
| | אלגעמיינע באַפעלקערונג | ייִדן |
| ר. ס. פ. ס. ר. . . . . . . . . . . . . . . | 40,7 | 81,9 |
| או. ס. ס. ר. . . . . . . . . . . . . . . . | 44,9 | 70,0 |
| וו. ס. ס. ר. . . . . . . . . . . . . . . . | 40,7 | 68,9 |
| טראַנסקאַווקאַז . . . . . . . . . . . . . | 27,8 | 75,3 |
| אוזבעקיסטאַן . . . . . . . . . . . . . . | 7,7 | 60,3 |
| גאַנץ פ. ס. ס. ר. . . . . . . . . . . . . | 39,6 | 72,3 |

### III. דער % שריפטקענעוודיקע בא דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פאַרגלײַך מיט די אַנדערע פעלקער לויטן געשלעכט אין 1926 יאָר

| נאָמען פון פאָלק | % שריפטקענעוודיקע | | |
|---|---|---|---|
| | פרויען | מענער | אינגאַנצן |
| ייִדן . . . . . . . . . . . | 69,2 | 75,8 | 72,3 |
| פינער . . . . . . . . . . | 75,0 | 77,1 | 76,0 |
| לעטן . . . . . . . . . . | 70,5 | 78,1 | 74,5 |
| עסטאָנער . . . . . . . . | 70,8 | 74,0 | 72,4 |
| דײַטשן . . . . . . . . . | 59,2 | 61,2 | 60,2 |
| פוילישע . . . . . . . . . | 48,3 | 59,9 | 53,8 |
| רוסן . . . . . . . . . . | 33,9 | 57,6 | 45,1 |
| אוקראַיִנער . . . . . . . | 27,7 | 55,7 | 41,3 |
| גרוזינער . . . . . . . . | 33,1 | 45,8 | 39,5 |
| ווייסרוסן . . . . . . . . | 23,1 | 52,0 | 37,3 |
| אַרמענער . . . . . . . . | 24,2 | 43,5 | 34,0 |
| טאָטערן . . . . . . . . . | 25,7 | 41,6 | 33,4 |


דער % יידיש־
רײדנדיקע
אין באַצוג צו
דער גאַנצער
צאָל יידן —
אייראָפּעאישער טייל
פ.ס.ס.ר.
%% ГОВОРЯЩИХ ПО ЕВРЕЙСКИ ко ВСЕМУ ЕВРЕЙСКОМУ НАСЕЛЕНИЮ
ЕВРОПЕЙСК. ЧАСТЬ С.С.С.Р
קרים
צפון־קאַווקאַז
טנאַי־צייכנס:
פון 27-50
50-60
60-70
70-80
80-100
איבער 100%
УСЛОВНЫЕ ЗНАКИ.

# IX

## דער % יידיש-ריידנדיקע אין באצוג צו דער גאנצער צאָל יידן אין דעם אייראָפּעישן טייל פון פ.ס.ס.ר., לויט דער ראיאָנען-צעטיילונג פון דער צענטראלער סטאטיסטישער פארוואלטונג, אין 1926 יאָר

| נאָמען פון ראיאָן, רעפּובליק, קרייז, גוב. | % יידיש-ריידנדיקע | נאָמען פון ראיאָן, רעפּובליק, קרייז, גוב. | % יידיש-ריידנדיקע |
|---|---|---|---|
| **דאגעסטאַנער א.ס.ס.ר.** | 152,0 | אָרענבורגער גוב. | 52,1 |
| **ווייסרוסלאנד** | 90,0 | סאמארער „ | 51,5 |
| **מיירעוו-ראיאָן** | 81,6 | **קרימער א.ס.ס.ר.** | 54,9 |
| סמאָלענסקער גוב. | 83,6 | **וויאטקער ראיאָן** | 54,8 |
| בריאנסקער „ | 79,6 | וויאטקער גוב. | 54,8 |
| **א.ס.ס.ר.** | 76,0 | **קאווקאז** | 50,4 |
| **באשקירער** א.ס.ס.ר. | 70,6 | אבכאזער א.ס.ס.ר. | 54,1 |
| **צאָפן-מיזרעך ראיאָן** | 68,0 | גרוזינער | 50,6 |
| ארכאנגעלסקער גוב. | 70,2 | אזערביידזשאן | 50,2 |
| וואָלאָגדער גוב. | 61,0 | אדזשארער א.ס.ס.ר. | 39,9 |
| סעווערא-דווינסקער גוב. | 45,3 | **לענינגראדער געגנט** | 44,6 |
| **נידער-וואָלגער ראיאָן** | 65,7 | פסקאָווער גוב. | 91,2 |
| סאראטאָווער גוב. | 56,3 | נאָווגאָראָדער „ | 59,2 |
| סטאלינגראדער „ | 53,7 | קארעלער א.ס.ס.ר. | 52,5 |
| אסטראכאנער „ | 81,3 | טשערעפּאָוועצער גוב. | 47,3 |
| **אוראלער ראיאָן** | 63,8 | לענינגראדער „ | 31,9 |
| טראָיצקער קרייז | 77,4 | **צענטראל-אינדוסטריעלער ראיאָן** | 39,2 |
| טשעליאבינסקער „ | 77,4 | טווערער גוב. | 61,0 |
| טיומענער „ | 75,2 | קאלוגער „ | 60,7 |
| טאָבאָלסקער „ | 75,2 | קאָסטראָמער „ | 59,8 |
| פערמער „ | 75,0 | יאראָסלאווער „ | 58,5 |
| שאדרינער „ | 65,7 | ניזשני-נאָווגאָראָדער „ | 58,5 |
| סאראפולער „ | 65,6 | ריאזאנער „ | 51,3 |
| זלאטאָוסטער „ | 56,0 | וולאדימירער „ | 50,0 |
| אישימער „ | 50,7 | טולער „ | 43,1 |
| קורגאנער „ | 49,6 | מאָסקווער „ | 36,0 |
| סווערדלאָווסקער „ | 47,3 | איוואנאָוואָוואָזניעסענסקער „ | 46,6 |
| **צענטראל שווארץ-ערדיקע געגנט** | 60,0 | **צאָפן-קאווקאזער ראיאָן** | 33,7 |
| אָרלאָווער גוב. | 66,1 | גראָזנע שטאָט | 159,1 |
| קורסקער „ | 63,3 | טערעקער קרייז | 62,0 |
| טאמבאָווער „ | 53,5 | וולאדיקאווקאז שטאָט | 58,0 |
| וואָראָנעזשער „ | 47,3 | טשאָרנאָמאָרער קרייז | 43,3 |
| **מיטל-וואָלגער ראיאָן** | 57,8 | סטאווראָפּאָלער „ | 41,1 |
| פענזער גוב. | 74,7 | קובאנער „ | 35,2 |
| אוליאנאָווסקער „ | 69,1 | טאגאנראָגער „ | 33,9 |
| טשוואשער א.ס.ס.ר. | 61,1 | דאָנער „ | 23,5 |
| טאטארישע „ | 59,1 | | |

באמערקונג: די טאבעלן זיינען צונויפגעשטעלט און אויסגערעכנט אפן סמאך פון די מאַטעריאלן פון צ.ס.פּ. יעדיעס וועגן יידיש-ריידנדיקע לויט די קרייזן פאר ו.ס.ס.ר. און א.ס.ס.ר. זע קארטאָגראם נום. 11. וועגן יידיש-ריידנדיקע העכער 100% ז. קארטאָגראם נום. 10.


דער % יידיש־רײדנדיקע
אין באצוג צו דער גאנצער
צאָל יידן
אזיאטישער טייל
ר.ס.ס.פ.
%% ГОВОРЯЩИХ
ПО ЕВРЕЙСКИ ко всему
ЕВРЕЙСКОМУ НАСЕЛЕН.
АЗИАТСКАЯ ЧАСТЬ
С.С.С.Р.
יאקוטער א.ס.ס.ר.
סיבירער געגנט
ווייט־מיזרעך געג.
קאזאקער א.ס.ס.ר.
קירגיזער א.ס.ס.ר.
אוזבעקער ס.ס.ר.
טורקמענער ס.ס.ר.
פון 27-50
60-70
80-100
איבער 100
УСЛОВНЫЕ
ЗНАКИ.

X

## דער % ייִדיש-ריידנדיקע אין באַצוג צו דער גאַנצער צאָל ייִדן אין דעם אַזיאַטישן טייל פון פ. ס. ס. ר., לויט דער ראַיאָנען-צעטיילונג פון דער צענטראַלער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג אין 1926 יאָר

| % ייִדיש-ריידנדיקע | נאָמען פון ראַיאָן, רעפובליק, קרייַז |
|---|---|
| 103,2 | טורקמענער ס. ס. ר. |
| 93,6 | אוזבעקער ס. ס. ר. |
| 70,0 | קאַזאַקער א. ס. ס. ר. |
| 47,1 | יאַקוטער „ |
| 42,5 | סיבירער קאַנט |
| 56,5 | באַראַבינער |
| 53,7 | טולונגאָווער |
| 48,7 | קאַנסקער |
| 48,4 | קראַסנאָיאַרסקער |
| 48,4 | אָמסקער |
| 47,6 | אַטשינסקער |
| 38,9 | אירקוטסקער |
| 36,5 | נאָוואָסיבירסקער |
